# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

בא
שנה ב'




כל הזכיות שמורות

# די סוד פון אונזער עקזיסטענץ

## חלק א: פארמאכן די טיר אויף דעם מלאך המשחית

### די שרעקליכע נאכט

**לאמיר** זיך פארשטעלן אז עס איז אצינד א נאכט פאר יציאת מצרים. מארגן וועלן מיר ענדליך פארלאזן מצרים נאך 210 יאר און מיר זיצן יעצט אין אונזערע היימען און עסן דעם קרבן פסח. אונזערע זעק זענען שוין געפאקט און מיר האבן אן די גארטלען, מָתְנֵיכֶם חֲגֻרִים, און די וואנדער שטעקנס געפינען זיך אין אונזערע הענט. מיר זענען אינגאנצן גרייט צו גיין.

און דאן פלוצלינג, פונקט אינמיטן נאכט, הערן מיר א קול פון אינדרויסן; צְעָקָה גְדֹלָה בְּמִצְרָיִם - א גרויסע געוויין ווערט געהערט אין מצרים (שמות יב:ל). דער מלאך המשחית מארשירט אין זיין וועג לענגאויס דאס גאנצע לאנד און הרג'עט אויס מענטשן אויף אלע זייטן - קיין איין מצרי'שער הויז ווערט נישט געזשאלעוועט. אֵין בַּיִת אֲשֶׁר אֵין שָׁם מֵת (שם) - אין יעדן הויז איז איינער געשטארבן; הויכע יללות פון געוויינען און קלאגערייען גייען ארויף פון איין הויז צום צווייטן, פון איין גאס נאכ'ן אנדערן, דורכאויס דאס גאנצע לאנד פון מצרים.

עס איז געווען א שרעקליכע סצענע - אבער דאס אידישע פאלק האט גארנישט געזען. די בני ישראל, יעדע פאמיליע אין זייער געצעלט, האבן זיך געקלאמערט אינאיינעם, אריינהערנדיג די יללות פון גאס. זיי האבן אבער נישט געוואגט ארויסצוגיין אינדרויסן - ווי אזוי האבן זיי דען געקענט? זיי האבן דאך באקומען א באפעל פון באשעפער: וְאַתֶּם לֹא תֵצְאוּ אִישׁ מִפֶּתַח בֵּיתוֹ - איר זאלט נישט ארויסגיין פון די טיר פון אייער הויז ביז אינדערפרי (שם יב:כב), וְעָבַר ה' לִנְגֹּף אֶת מִצְרַיִם - און דער באשעפער וועט אריבערגיין און שלאגן די מצריים (שם יב:כג).

"עס איז א גרויסע סכנה אינדרויסן אין גאס," האט דער באשעפער געזאגט, "אלזא בלייבט אינעווייניג ביז אינדערפרי, אזוי וועט איר זיין פארזיכערט." ווי עס זעט אויס איז דאס געווען א זיכערהייטס באווארענונג צו פארמיידן פון ווערן אראפגעקלאפט. אויב וואלטן זיי געווען אויפ'ן גאס, וואלט דער מלאך המשחית זיי געשלאגן אינאיינעם מיט די מצריים.

### די וואונדערליכע נאכט

**דער** מדרש מכילתא שטעלט זיך אויף דעם באפעל מיט א שאלה: פארוואס איז געווען וויכטיג

בעריכה מיוחדת גליונות לשבת קודש

צו ווארענען די אידישע קינדער נישט ארויסצוגיין אין גאס? נאך אלעם זענען זיי דאך נישט געווען די שולדיגע וואס דארפן באשטראפט ווערן. אויב פאר זייערע אונטערדריקער, די מצריים, איז זיך געקומען צו ווערן געשלאגן - וואס האט דאס צו טון מיט די אידן? פארוואס זאלן די אידן נישט מעגן ארומשפאצירן און בייוואוינען די קאטאסטראפע וואס ווערט אנגעזייט ביי זייערע שכנים? פארקערט, זיי וואלטן דאן נאכמער באוואונדערט דעם יד ה׳, אויב וואלטן זיי געקענט זען זיין נקמה!

עס וואלט געווען אינטערעסאנט צו ארומשפאצירן אויף די גאסן פון מצרים אין יענע נאכט. שטעלט זיך פאר, איר שפאצירט אריבער דעם הויז פון פאטמין - לאמיר זאגן דאס איז דער נאמען פון אייער אויפזעער וואס האט אייך גוט אנגעהאקט דיביינער, ער האט גענוצט זיין קאנטשיק אויף אייער זון - און היינט וואלט איר געשעפט נחת. איר וואלט געשטאנען פארנט פון זיין הויז און איר וואלט געהערט פאטמין קלאגן אינאיינעם מיט זיין ווייב ווייל זייער טייערער קליינער בכור ליגט טויט אין זיין בעטל. הא! דאס קומט זיך אים! און אזוי וואלט איר געשטאנען ביים ווינקל פון גאס מיט אייער שכן און צוזאמען וואלט איר הנאה געהאט פון דעם שיינעם וועטער און אינטערעסאנטע סצענעס. דאס וואלט צוגעגעבן צום גרויסן נס אין יענע נאכט - די אידישע קינדער שפאצירן אנגענעם אויף די גאסן אין די צייט וואס דאס מצרי׳שע פאלק ווערט צעשלאגן.

עס וואלט געווען אן אומפארגעסליכער טייל פון יענע וואונדערליכע נאכט אין אונזער היסטאריע. מיר וואלטן גערעדט דערפון ביים סדר; ווי אזוי דער וועטער האט אזוי גוט צוגעשפילט און יעדער האט ארומשפאצירט אינדרויסן - דאס וואלט געדארפט זיין די פארזיכערסטע נאכט צו זיין אינדרויסן ווייל דער מלאך המוות שלאגט נאר די מצריים און נישט די אידישע קינדער.

## ער טוט נישט אונטערשיידן

**דאס** איז וואס די מכילתא וויל פארשטיין. פארוואס האבן די אידישע קינדער נישט געטארט ארויסגיין אין גאס? פונקט ווי דער באשעפער האט געטון אונטערשיידן צווישן די בתי ישראל און די מצרי׳שע הייזער, אזוי וואלט פאר דעם באשעפער נישט געווען שווער צו אונטערשיידן צווישן א ישראל און א מצרי אויף אויפ׳ן גאס. פארוואס האבן די אידן געדארפט בלייבן פארשפארט אין זייערע היימען?

לאמיר אצינד זיך פארטיפן אין דעם ענטפער וואס דער מכילתא ענטפערט אויף די שאלה, אבער אפלערנענדיג די רייד דארפן מיר געדענקען אז עס איז נישט אזוי פשוט - עס וועט דארפן א גוטע ערקלערונג. די מכילתא זאגט אזוי - וואס דער ענין ווערט אויך געברענגט אין די גמרא (בבא בתרא ס.), אבער דא ווערט עס ברייטער אויסגעשמועסט: מַגִּיד - דאס לערנט אונז מִשֶּׁנִּתְּנָה רְשׁוּת לְמַשְׁחִית לְחַבֵּל - ווען עס ווערט געגעבן רשות פאר דעם מלאך המשחית צו מאכן א חורבן, שׁוּב אֵינוֹ מַבְחִין בֵּין צַדִּיק לְרָשָׁע - וועט ער נישט פונאנדערשיידן צווישן א צדיק און א רשע.

דאס איז א וויכטיגער כלל וואס מיר לערנען דא, און דאס איז נוגע אין אלע צייטן. ווען דער באשעפער באשטימט צו שיקן חלילה א מגיפה אדער סיי וועלכע אנדערע סארט חורבן כדי צו באשטראפן די זינדיגע, ווערן נישט נאר די רשעים געשלאגן. אֵינוֹ מַבְחִין בֵּין צַדִּיק לְרָשָׁע - איינמאל דער רשות ווערט געגעבן פאר דעם מלאך המוות, וועט ער נישט אונטערשיידן צווישן די זינדיגע און די ערליכע!

## עס איז מציאות

**וועט** א מענטש אפשר זאגן, דאס הערט זיך נישט גערעכט, אבער דער אמת איז אז דאס איז א לאגישע

מציאות; עס דארף אזוי זיין. לאמיר זאגן צום ביישפיל, ווען דער ארכי-מערדער היטלער ימ״ש איז אויפגעשטאנען אין אייראפע. דאס איז געווען אין א צייט ווען צווישן כלל ישראל איז ליידער געווען א פארפלייצונג פון אסימילאציעס; עס זענען געווען פיל רשעים, זייער אסאך אפיקורסים. און די אפיקורסים האבן עפנטליך מלחמה געהאלטן מיט דעם באשעפער - זיי האבן דערקלערט אן אפענע קריג קעגן די תורה.

איז לאמיר זיך יעצט פארשטעלן, אויב היטלער וואלט געקומען און אויסגעוועלט נאר די אפיקורסים צו אריינגעפירט ווערן אין די וואגאנען און ער וואלט איבערגעלאזט די ערליכע אידן אין זייערע היימען. צי וואלט דען געבליבן אן ארט פאר פרייע בחירה? מיר דארפן זיין רעאליסטיש. איר ווילט אז דער ראש ישיבה זאל קענען ווייטער איבערגעבן זיינע שיעורים אין די סלאבאדקער ישיבה און אין די טעלזער ישיבה, בשעת אינדרויסן פון בית המדרש טוען די נאציס ר״ל אויס׳הרג׳נען אלע אידן וואס זענען לינק געשטימט? די ישיבה לייט זאלן שפאצירן פארזיכערט דורך די גאסן מיט זייערע גמרות בשעת די נאציס טוען אפהאקן די קעפ פון די אידן וואס פירן זיך נישט ערליך?!

ווער וואלט דאן נישט געטראגן א גמרא אונטער׳ן ארעם? יעדער וואלט גענומען א גמרא אין האנט - דאס איז דאך א לעבנס באשיצער צו טראגן מיט זיך א גמרא. עס וואלט נישט געבליבן וועמען צו הרג׳נען - יעדער וואלט געווארן א בעל תשובה. די ישיבה וואלט געווען אזוי געפאקט, אז עס וואלט נישט פארבליבן קיין ליידיג ווינקל.

אויב דער באשעפער וואלט געמאכט אזא נס אז היטלער זאל אפשיקן צו די קרעמעטאריומס בלויז די רשעים, און אלע פרומע בעלי בתים און אלע בני תורה און די חסידים וואלטן גראטעוועט געווארן און געקענט פארזעצן ווייטער מיט זייער לעבן ווי געוועגליך, וואלט געווען צו לייכט צו זיין אן ערליכער איד - עס וואלט נישט פארבליבן קיין בחירה אויף די וועלט. מיר וואלטן געווען ווי ראבאטן, דאס אלעס.

## יעדער וואלט זיך מגייר געווען

**נאך** א ביישפיל, שטעלט זיך פאר ווען א איד וואס צינדט אן א ציגערעטל אום שבת וואלט אראפגעפאלן אויף דער ערד טויט - איר גייט ארויס שבת נאכמיטאג אין גאס, איר זעט א איד לייגט אריין א ציגערעטל אין זיין מויל, ער צינדט עס אן און, ער פאלט אראפ טויט. דער אמת איז, אז זיי וועלן באקומען וואס עס קומט זיי. די גמרא (סנהדרין לז:) זאגט, אַף עַל פִּי שֶׁבָּטְלָה סַנְהֶדְרִין, דִּין ד׳ מִיתוֹת לֹא בָּטְלָה - כאטש עס איז בטל געווארן דער סנהדרין, איז דער דין מיתה פון ד׳ מיתות בי״ד נישט בטל געווארן. אבער אויב וועט דאס קומען אויף אזא וואונדערליכן אופן; אויב זיי וואלטן געפאלן טויט אין דער מינוט וואס זיי צינדן אן א ציגערעטל, וואלט זיך דער שטראז פארקער פארמאכט יעדן שבת. עס וואלטן נישט פארבליבן מער קיין מחללי שבת. אלע געשעפטן וואלטן גלייך פארשפארט געווארן און די אייגנטימער וואלטן געלאפן אין בית המדרש. אפילו די פאטריקאנער און איטאליענער וואלטן זיך מגייר געווען. און מיר וואלטן נישט באקומען קיין שכר פאר זיין ערליך - ווייל דאס איז דער מענטשליכער נאטור, זיך צו וועלן באשיצן פון אן אפענע סכנה.

דערפאר, איז דאס א יסוד אין דעם באשעפער׳ס פירונג אז ווען ער ברענגט אראפ א שטראף אויף די וועלט צו באשטראפן די רשעים, מאכט ער נישט קיין אונטערשייד.

און דאס, ערקלערט דער מכילתא, איז דער טעם פארוואס אידישע קינדער זענען אנגעזאגט געווארן נישט ארויסצוגיין אין גאס אין די צייט וואס דער באשעפער גייט אריבער איבער׳ן לאנד מצרים און שלאגט

די לאנד - ווייל זיי וואלטן געווען אין די זעלבע סכנה פון דעם מלאך המשחית: כֵּיוָן שֶׁנִּתְּנָה רְשׁוּת לַמַּשְׁחִית - ווען עס ווערט געגעבן רשות פאר דעם מלאך המשחית, שׁוּב אֵינוֹ מַבְחִין בֵּין צַדִּיק לְרָשָׁע - ווערט נישט געמאכט קיין אונטערשיידט צווישן די צדיקים און די רשעים. דערפאר האט דער באשעפער אנגעזאגט פאר די אידן, לֹא תֵצְאוּ אִישׁ מִפֶּתַח בֵּיתוֹ עַד בֹּקֶר - ״איר זאלט נישט ארויסגיין אין גאס ביז אינדערפרי.״

## חלק ב: פארמאכן די טיר אויף די מצריים

### מלאכים קענען זיך אריבערכאפן דורך שלעסער

**עס** פרעגט זיך אבער גאנץ א פשוט׳ע שאלה: וואס וועט דען העלפן פאר די אידן זיך צו באהאלטן אין זייערע געצעלטן? אצינד אז מיר ווייסן שוין אז ווען דער מלאך המשחית ווערט ארויסגעלאזט מאכט ער נישט קיין אונטערשיידט צווישן גוט און שלעכט; איז וואס גייט דען העלפן צו בלייבן אינדערהיים? א מלאך קען דען נישט אריינגיין אין א הויז? צי וועט דען דער מלאך המשחית ווערן דערשראקן פון א פארמאכטע טיר? איז דען דער מלאך המשחית נישט אריין צו די מצריים אין זייערע הייזער צו הרג׳ענען די בכורים וואס זענען געשלאפן אין זייערע בעטן? א מלאך קען זיך דאך אריבערכאפן דורך א אידישן שלאס פונקט ווי ער קען זיך אריבערכאפן א מצרי׳שער שלאס. איז וואס האבן די אידן אויפגעטון פארבלייבנדיג אינדערהיים?

קען מען ענטפערן אז דער באשעפער האט געזאגט וּפָסַחְתִּי - ״איך וועל איבערהיפן די אידישע הייזער.״ קען דאך אבער דער באשעפער איבערהיפן די אידן אויך אויפ׳ן גאס?!

### באשיצט אין באהעלטעניש

**לייגט** דער מכילתא צו א וויכטיגע ערקלערונג, ברענגענדיג א פסוק פון ישעי׳ (כו:כ). דער באשעפער זאגט דארט, לֵךְ עַמִּי בֹּא בַחֲדָרֶיךָ - גיי מיין פאלק, קום אריין צו דיינע אינעווייניגסטע צימערן, וּסְגֹר דְּלָתְךָ בַּעֲדֶךָ - און פארשפאר דיין טיר הינטער דיר, חֲבִי כִמְעַט רֶגַע עַד יַעֲבָר זָעַם - באהאלט זיך פאר א קליין ווײלע ביז דער צארן וועט אריבערגיין, כִּי הִנֵּה ה׳ יֹצֵא מִמְּקוֹמוֹ לִפְקֹד עֲוֹן יֹשֵׁב הָאָרֶץ עָלָיו - אט גייט דער באשעפער ארויס פון זיין ארט צו באשטראפן אויף די זינד פון די איינוואוינער פון לאנד.

זיי זענען נישט נאר אריין אין זייערע הייזער, נאר עס שטייט בֹּא בַחֲדָרֶיךָ - קום אריין אין דיינע אינעווייניגסטע צימערן וּסְגֹר דְּלָתְךָ בַּעֲדֶךָ - און פארשפאר דיין טיר הינטער דיר.

דאס פארשפארן די טירן פון זייערע הייזער, זאגט דער מכילתא, איז געווען א צייכן וואס האט ווי אויסגערופן: ״מיר טוען זיך געזעגנען פון די אומות העולם. מיר איזאלירן זיך פון די מענטשן פון די לאנד ווייל מיר האבן נישט קיין שום אינטערעסע צו ארויסגיין אויף די גאסן און זיך אויסמישן מיט זיי.״ און דאס איז וואס דער באשעפער האט געזאגט, ״אויב איר וועט יא ארויסגיין אין די נאכט, אויב איר וועט נישט אנטיילנעמען צו ווייזן דעם צייכן פון אפגעזונדערטקייט, דאן וועט מעגליך דער מלאך המשחית אייך אויך פארכאפן.״

דערפאר קענען מיר זיכער זיין אז ווען אונזערע אור-עלטערן האבן אויסגעפירט וואס מען האט זיי באפוילן, לֵךְ עַמִּי בֹּא בַחֲדָרֶיךָ וּסְגֹר דְּלָתְךָ בַּעֲדֶךָ - גיי מיין פאלק, קום אריין אין דיינע אינעווייניגסטע צימערן און פארשפאר דיין טיר הינטער דיר; האבן זיי גוט פארקנאקט די טירן. נישט ווייל זיי האבן מורא געהאט אז א מצרי וועט אריינקומען - די מצריים האבן געהאט זייער אייגענע קאפ ווייטאג אין יענע נאכט, זיי וועלן נישט קומען האקן אויף זייערע טירן - און נישט ווייל זיי האבן געוואלט פארמיידן דעם מלאך

המשחית אנצוקומען צו זיי. ניין! זיי האבן געוואלט אפהאלטן דעם גרעסטן פארטיליגער פון אריינקומען. דער גרעסטער פארטיליגער, דאס איז די השפעה פון די גוים!

אויב די השפעה פון די גוים דרינגט אריין אין אייער היים, דאן לאזט איר אריין דער אמת׳ער משחית.

## זיך נישט אמעריקאניזירן

**יענע** נאכט איז געווען דער אנהייב פון די געשיכטע פון אונזער פאלק און דערפאר האט געדארפט אראפגעשטעלט ווערן דער דער ווייכטיגער יסוד, דער שטארקער ווארענונג פון וָאַבְדִּל אֶתְכֶם מִן הָעַמִּים לִהְיוֹת לִי - דער באשעפער זאגט, איך האב אייך אפגעטיילט פון אלע פעלקער איר זאלט זיין צו מיר.” דער באשעפער האט דאן געלאזט וויסן פאר די אידן, ”פון יעצט אן זענט איר מיין אויסדערוועלט פאלק און איר דארפט לעבן אפגעשיידט. דערפאר דארפט איר היינט, ווען עס ווערט אראפגעשטעלט דער אנהייב פון אייער עקזיסטענץ אלס מיין אויסדערוועלטע פאלק, אפצייכענען דאס אז איר האט נישט קיין שום פארבינדונג מיט די דרויסנדיגע וועלט.“ אין יענע נאכט, מיט דעם וואס דאס אידישע פאלק האט פארשפארט זייערע טירן, האבן זיי זיך אפגעטיילט פון די גוים אויף אייביג!

פארשטייט זיך אז די אידן צאלן ווייטער שטייערן און מיר האלטן איין די געזעצן, זייענדיג געטריי צו דאס לאנד אין וועלכע מיר וואוינען. מיר דארפן טון אלעס וואס א געטרייער בירגער איז ערווארטעט צו טון - אויסער צו ווערן באאיינפליסט פון די אמעריקאנער (אדער אנדער גוי׳ישער) געזעלשאפט. מיר טארן זיך נישט אמעריקאניזירן. די גאנצע סביבה פראבירט צו אראפשווענקען אונזערע השקפות. מיר ווערן באפלייצט פון אלע זייטן פון כאוואליעס פון אפיקורסות, תאוות, עבודה זרה און שטותים. עס באדראעט צו פארשוועמען אונזערע היימען. דערפאר מוז יעדער איינהאלטן די נצחיות׳דיגע עצה פון דעם הייליגן באשעפער: וּסְגֹר דְּלָתְךָ בַּעֲדֶךָ - פארשפאר דיינע טירן הינטער דיר.

## מאכן ניצן פון זייער חכמה

**מיר** קומען נישט דא זאגן אז עס איז א פעלער צו לערנען טעכנישע פעאיגקייטן פון די גוים אדער צו ניצן זייערע ערפינדונגען. מיר מעגן הנאה האבן פון די חכמה וואס געפינט זיך ביי די גוים. אנשטאט צו גיין אין בית המדרש צופיס, אין די וואכן טעג, האבן מיר א רעכט צו פארן מיט א קאר, טראץ וואס גויים האבן דאס פאבריצירט.

מיר האבן פולע רעכט צו נוצען אן אויטא ווען מיר גייען אין די וואכן אין בית מדרש.

אבער צו האבן סיי וואספארא סימפאטיע אדער געפילן מיט די אומות העולם און מיט זייערע השקפות און פירונגען - די צוציאונג צו די וועגן פון די גויים - אויף דעם זאגן מיר אז מיר פארשפארן אונזערע טירן צו די דרויסנדיגע וועלט.

## שטייענדיג פעסט אין מצרים

**עס** איז באקאנט מיט וואס די אידישע קינדער זענען געווען אויסגעצייכנט אין מצרים, לֹא שִׁנּוּ אֶת לְשׁוֹנָם - זיי האבן נישט געטוישט זייער שפראך. דאס איז א וואונדערליכע זאך, ווייל זיי זענען געווען קנעכט ביי די מצריים וועלכע האבן נישט גערעדט צו זיי אין לשון הקודש. די אידישע קינדער האבן געדארפט גוט קענען די מצרי׳שע שפראך אבער דאך האבן זיי אנגעהאלטן זייער אייגענע שפראך. דאס איז א פאקט

וואס די תורה זאגט עדות אויף דעם. מיר זעען דאס אויף די נעמען וואס ווערן דערמאנט, אלע זענען נעמען אויף לשון הקודש; הערליכע נעמען - אזעלכע וואס דריקן אויס א ליבשאפט צום באשעפער און א שטאלץ מיט זייער פאלק. זיי זענען געווען שטאלץ צו זיין אפגעטיילט.

דאס איז נישט געווען גרינג, ווייל מצרים איז געווען א געבילדעטע און רייכע לאנד. זיי האבן געהאט געבויעט גרויסע שטעט און זענען געווען פארגעשריטן אין וויסנשאפטליכקייט מער ווי אנדערע פעלקער אין יענע תקופה. און דאך, איז דאס קליין דארפיש פאלק, פאסטוכער וועלכע האבן גארנישט געהאט צו באווייזן זיך צו פארגלייכן מיט די מאטריאליסטישע פארשריט פון די מצריים, נישט נתפעל געווארן. זיי זענען נישט געפאלן צו די ערד און זיך געבוקט צו די מצרי׳ישע קולטור. ניין, זיי זענען געבליבן געטריי צום באשעפער דורכאויס צוויי הונדערט און צען יאר! דאס איז א קונץ, א דערגרייכונג, וואס האט נישט זיינס גלייכן אין די גאנצע וועלט! צוויי הונדערט און צען יאר זיין פארקנעכטעט אין א גאר רייכע און גרויסע לאנד און דאך זענען זיי נישט געפאלן ווי קרבנות צו די סביבה!

## מיר האבן פארשפארט די טיר

**און** דאס איז געווען די צוועק פון : וְאַתֶּם לֹא תֵצְאוּ - גייט נישט ארויס פון אייערע היימען זיך צו אויסמישן מיט די גוי׳ישע השקפות. דער פאקט אז זיי האבן נישט פארלאזט זייערע היימען אין יענע נאכט צו וואנדערן אויף די גאסן האט באצייכנט אז מיר זענען הֶן עָם לְבָדָד יִשְׁכֹּן - א פאלק וואס וואוינט אין איינזאמקייט, וּבַגּוֹיִם לֹא יִתְחַשָּׁב - און מיר ווערן נישט גערעכנט צווישן די פעלקער (במדבר כג:ט). דאס מיינט, מיר מישן זיך נישט אויס מיט זיי, מיר האבן גארנישט צו טון מיט זיי. זייערע פירונגען זענען נישט אונזערע פירונגען און זייערע אונטערהאלטונגען זענען נישט אונזערע אונטערהאלטונגען. אויב זיי האבן טעלעוויזיע, האבן מיר נישט; אויב זיי גייען צו טענץ גייען מיר נישט; אויב זיי ליינען שמוציגע ביכער ליינען מיר נישט. מיר האבן נישט קיין שום פארבינדונג מיט די אומות העולם - מיר זענען אפגעטיילט פון זיי אין אלעם, ווייל מיר גייען אין די פיסטריט פון אונזערע אבות וועלכע האבן, על פי ה׳, געמאכט דעם צייכן אין יענע נאכט מיט די פארשפארטע טירן.

טאקע דערפאר איז דער משחית אריבער איבער זייערע היימען; ווייל זיי זענען נישט ארויסגעגאנגען אין גאס צו ארומשפאצירן און צוקוקן צו די סצענעס, נאר דאס אידישע פאלק האט געמאכט א צייכן אז זיי זענען אפגעטיילט פון די איבריגע געזעלשאפט. דאס פארשפארן די טירן קעגן די השפעות פון די דרויסנדיגע וועלט ראטעוועט די אידישע קינדער און מאכט אונז פאר א פאלק וואס געהערט צום באשעפער אויף אייביג.

# חלק ג: פארמאכן די טיר אויף די וועלט

## דער סוד פון אונזער עקזיסטענץ

**ביים** סוף פון פרשת קדושים שטייט: וָאַבְדִּל אֶתְכֶם מִן הָעַמִּים לִהְיוֹת לִי - איך האב אייך אפגעטיילט פון די פעלקער צו זיין צו מיר. ערקלערט אויף דעם דער תורת הכהנים אזוי: אִם אַתֶּם מֻבְדָּלִים מִן הָאֻמּוֹת, אַתֶּם שֶׁלִּי - אויב זענט איר אפגעטיילט פון די פעלקער, דאן לִהְיוֹת לִי - געהערט איר צו מיר. עס ווערט דארט ערקלערט, אז ווען דער באשעפער זאגט, ״איר זאלט זיין מיינס,״ מיינט עס, ״איר זאלט זיין מיינס אויף אייביג.״

וָאַבְדִּל אֶתְכֶם מִן הָעַמִּים - דאס איז דער סוד פון די גאנצע היסטאריע פון אונזער עקזיסטענץ. דער באשעפער זאגט, אויב איר זענט נישט אפגעטיילט פון די דרויסנדיגע וועלט דאן זענט איר נישט מיינס און מיר דארפן זיך אפטיילן אונזערע וועגן. דאס איז דער לימוד וואס מיר דארפן לערנען אין די נאכט; דער שטענדיגער יסוד אז אויב מיר פארשפארן נישט די טירן, דאן וועלן מיר חלילה פארלוירן גיין.

## דער אויסלייטערונג פראצעדור

**אצינד** הייבן מיר אן צו פארשטיין אז דאס איז אן אויסשלייפונגס פראצעדור וואס שטעלט זיך קיינמאל נישט אפ.

ליידער האבן נישט אלע אידן זיך פארשפארט אין זייערע היימען, זיי האבן זיך נישט אפגעטיילט פון די מצריים, און זיי זענען טאקע פארלוירן געגאנגען. אזוי זאגט דער פסוק, וַחֲמֻשִׁים עָלוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם - ס׳איז דא מאמרי חז״ל אויף דעם פסוק וואס זענען שווער נאך צוזאגען. אבער די קלענסטע נומער וואס שטייט וועל איך מיר ערלויבן נאכצוזאגען: בלויז א פינפטל פון די אידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים (שמות יג:יח). פיר פון יעדע פינעף אידן זענען פארבליבן אין מצרים! דאס איז זייער ווייטאגליך צו הערן, אבער עס שטייט נאכמער; אפילו די וואס זענען יא באטראכט געווארן ווערד צו ארויסגיין, האט דער באשעפער זיי געוואלט מער אויסלייטערן, מיט איין אויסשלייפונג נאך די אנדערע. עס איז גלייך צו א מענטש וואס וויל האבן א ריין שטיק גאלד, וועט ער צוערשט שמעלצן די גאלד אין א שמעלץ טאפ און ווען די פסולת שווימט צום אויבערפלאך שעפט ער עס אראפ. דערנאך לייגט ער עס ווידעראמאל אריין אינעם שמעלץ טאפ; אפשר איז נאך פארבליבן דערין עפעס פסולת. ער האלט דאס אין איין אויסלייטערן נאכאמאל און נאכאמאל, צו דערגרייכן צו א פערפעקט ריין שטיק גאלד. אזוי איז דאס אויך מיט דאס אידישע פאלק - מיר ווערן נאכאנאנד אלץ מער אויסגעשלייפט.

## עמלק קומט אנטקעגן

**עס** איז באקאנט אז ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים מיט גרויסע ניסים האבן אלע פעלקער מורא געהאט פון אונז. שָׁמְעוּ עַמִּים יִרְגָּזוּן - די פעלקער האבן געהערט און זענען דערציטערט געווארן, חִיל אָחַז יֹשְׁבֵי פְּלָשֶׁת - א ציטער האט אנגעכאפט די איינוואוינער פון פלשתים (שמות טו:יד). יעדער האט מורא געהאט פון דאס פאלק וואס איז נארוואס גערעטעוועט געווארן פון קנעכטשאפט אין מצרים.

אבער עס איז געווען איין מחוצף, איין עזות׳דיג פאלק. וַיָּבֹא עֲמָלֵק - און עמלק איז געקומען (שמות יז:ח). אין אמת׳ן, וואס גייט אונז אן פון עמלק? וואס קען ער אונז דען טון? דער באשעפער האט אונז באשיצט קעגן די מעכטיגע מיליטער פון מצרים. פרעה האט געהאט פיל רייטוועגענער מיט טרעניִרטע סאלדאטן וְשָׁלִשִׁם עַל כֻּלּוֹ - און הערן איבער זיי (שמות יד:ז). עס איז געווען א ריזיגע ארמיי, און דאך האט דער באשעפער זיי געמאכט אזא אויסטערלישע מפלה! דארפן אצינד די אידן מורא האבן פון עמלק?! זאלן זיי קומען - זיי קענען אונז סייווי גארנישט טון!

אבער דער פאקט איז געווען אז נישט נאר זענען זיי געקומען, נאר וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ - זיי האבן אפגעשניטן די שוואכע נאך דיר (דברים כה:יח). די מפרשים ערקלערן דעם פונקטליכן באדייט פון דעם פסוק: עס שטייט נישט הַנֶּחֱלָשִׁים, וואס מיינט ׳די שוואכע׳, נאר דער פסוק זאגט הַנֶּחֱשָׁלִים - דאס באדייט ׳נאכשלעפערס׳, די וואס האבן געמאכט שטייט זייער גאנג.

ווען די אידן האבן פארלאזט מצרים, זענען זיי ארויס אין אן איילעניש. זיי האבן נישט צוריקגעקוקט צו מצרים. זיי האבן זיך געפריידט אז די ענני הכבוד ווייזן זיי דעם וועג און זיי האבן געקוקט פאראויס צו זייער ציל; צו זייער פאראייניגונג מיט דעם באשעפער.

## קוקט נישט צוריק!

**אבער** צווישן זיי זענען אויך געווען נאכשלעפערס. געוויסע מענטשן האבן זיך מיטגעשלעפט אבער אויך צוריקגעקוקט, און זיי זענען ארונטערגעבליבן. זיי האבן נאכגעטראכט, ׳צי קען מען נאך זען עפעס פון מצרים?׳ ׳צי קען מען נאך זען די טורעמס פון מצרים?׳ זיי זענען געגאנגען פאראויס, זיי האבן געוואלט אנקומען צום בארג סיני צו באקומען די תורה, אבער אין זייערע הערצער איז נאך געבליבן א געוויסע שעצונג, אן אינערליכע געפיל צו מצרים וואו זיי האבן פארברענגט אזויפיל יארן.

עס זענען געווען אינטערעסאנטע זאכן צו טון און צו זען אין מצרים. עס זענען דארט געווען פארשידענע אונטערהאלטונגען, מעגליך עס זענען געווען אויפגעשטעלט קונסט מוזעאימס אין מצרים. ״וואס איז דען שלעכט?״ קען מען פרעגן, ״איך בלייב אן ערליכער איד, עס איז אבער אינטערעסאנט און געשמאק, צי מעג מען נישט אביסל הנאה האבן?!״ אבער ניין, עס איז זייער שלעכט! עס איז נישט גענוג צו פארלאזן מצרים. איר דארפט דאס פארשטיין, מצרים טאר נישט פארדינען אייער אויפמערקזאמקייט און שעצונג בכלל.

דאס איז שטענדיג א שווערער נסיון. מען קען וואוינען אין א רייכע מאדערנע שטאט מיט גערטנער אוןביימער און שיינע הייזער. עס קען אייך געפעלן די קליידונג פון די מענטשן. קען זיין אז טייל פון זיי פירן זיך מיט שיינע עטיקעט אויפ׳ן גאס. עס איז שווער נישט צו ווערן נתפעל פון זיי!

ווען דער באשעפער האט געזען אז די וואס זענען געווען נֶחֱשָׁלִים, די נאכשלעפערס וועלכע זענען געגאנגען אביסל שטייטער הינטערוויילעכץ פון די איבריגע מענטשן, זענען אנגעקלעפט מיט אביסל ליבע צו מצרים, האט ער געשיקט עמלק זיי צו פארטיליגן. דאס איז געווען די סיבה פון וַיָּבֹא עֲמָלֵק; וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ - צו אפשניידן די ווידלעך, די נאכשלעפערס פון אונזער פאלק.

## פאראויס צום בארג סיני

**עס** איז געווען א פראבע: צי האט איר פארשטאנען דעם לימוד פון די ׳פארשפארטע טירן׳? צי וועט איר מארשירן מיט דעם גאנצן כלל ישראל קוקנדיג פאראויס? מארשירט פאראויס! גייט פאראויס צום בארג סיני! אונזערע אויגן קוקן נאר פאראויס! דאס איז געווען די הכנה צום גרויסן מעמד ביים בארג סיני.

אזעלכע סארט פראבעס שטעלט מען אונז צו ביז צום היינטיגן טאג. דער באשעפער טוט נאכאנאנד אויסשלייפן אונזער פאלק, צירוף אחר צירוף. ביז היינט זענען אלץ דא אידן וואס ווערן ליידער פארפאלן - די שוואכע גייען פארלוירן; די וואס מאכן פשרות, די וואס ווילן לעבן ווי די גויים, אזוי אז דער באשעפער איז נישט צופרידן פון זיי. ווייל אפילו אויב איר לעבט אין דעם בעסטן אידישן געגנט אבער אייער טיר איז אפן, גליטשט זיך אלעס אריין. איר ליינט אדער הערט די נייעס פון דעם גוי, איר ברענגט אריין צייטונגען אדער ביכער וואס געבן איבער השקפות פון דעם גוי אדער פון אזעלכע וואס שעפן פון גוי׳ישע קוועלער; דאן, נישט קיין חילוק ווי לאנג אייערע פיאות זענען, דער עיקר איז דער שכל וואס ליגט הינטער די פיאות און ווילאנג אייערע טירן זענען אפן צו די גוי׳ישע וועלט, ווערט אייער געדאנקען גאנג געשעדיגט.

# חלק ד: פארמאכן די טיר אויף אונז

## פארשטיין די אנטיסעמיטיזם

**דורכאויס** די תקופות אין גלות האט דער באשעפער אונז געהאלפן פארמאכן די טירן צו די דרויסנדיגע וועלט און דערביי געראטעוועט פון דעם משחית, דורך דעם כלל גדול, דער יסוד פון עשו שונא ליעקב. דער באשעפער האט עס אזוי אראפגעשטעלט פון די ערשטע צייטן, נאך איידער כלל ישראל איז געווארן א פאלק - ווען עס איז נאר געווען יעקב און זיין ברודער עשו - שוין דאן האט עשו געהאט דעם רייץ צו טון אלעס וואס מעגליך צו אונטערברעכן דעם עקזיסטענץ פון כלל ישראל. אזוי איז עס געווען אויך ווייטער אין אלע דורות, בְּכָל דּוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ.

דאס איז שייך נישט נאר צום גאנצן פאלק אלס כלל, נאר אויך צו יעדער פרטיות'דיגער איד. נישט וויניג מאל פאסירט, א איד שפאצירט געמיטליך אויפ'ן גאס, רואיג אן צו שעדיגן קיינעם און די פארבייגייענדע גויים קענען זיך אפילו ארויסווייזן גאנץ מענטשליך און טאלעראנט, ווען מיטאמאל הערט זיך אן אויסגעשריי פון א שגץ, א ליידיג-גייער, "העי, דו איד!" צומאל קען אויך קומען צו פליען אין זיין ריכטונג א באנאנע שאלעכץ, און דאס איז אין בעסערן פאל, אויב ווערט מען נישט באפאלן און צעשלאגן.

פארוואס קומט דאס טאקע פאר'ן איד? וואס איז די סיבה אז עס פאסירן אזעלכע אינצידענטן?

## אונזער פאטער זארגט אויף אונז

**דער** כלל פון עשו שונא ליעקב באהאלט הינטער זיך א טיפע סיבה; דאס איז אזוי, ווייל דער באשעפער זארגט אויף אונז. וַיֵּט יִשְׂרָאֵל מֵעָלָיו - די אידן דארפן זיך אוועקקערן פון עשו (במדבר כ:כא). ווען מיר ווערן צו שטארק פארזונקען אין די גוי'ישע אידיאלאגיעס, זעט דער באשעפער פאר וויכטיג צו אויפשטעלן א וואנט. דאס איז דער וואנט פון אנטיסעמיטיזם.

דער טעם פון עשו שונא ליעקב איז צו אפהאלטן דעם איד פון ליב האבן דעם גוי! דערפאר מאכט דער באשעפער אז בְּכָל דּוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ; ער ווייזט אונז, מישט זיך נישט אויס מיט זיי!

ווען דער באשעפער זעט אז דער איד האט צופיל סימפאטיע צום גוי, ער געפינט חן אין זיינע אויגן, דער גוי זעט אפשר אויס ווי א 'גוטער' גוי, דאן לאזט אים דער באשעפער קומען און ווייזן ווער ער איז; עס איז נישט פארהאן אזא זאך ווי א גוטער גוי!

עס ווענדט זיך אין אונז. אויב מיר וועלן זיך האלטן אפגעטיילט פון זיי, וועלן זיי זיך פירן גוט צו אונז. אבער אויב מיר גרייזן, מיר ווערן נאכגעשלעפט נאך זייערע השפעות און גלוסטונגען, וועט דער באשעפער, וועלכער איז משגיח איבער אידישע קינדער, אונז דערמאנען דעם לימוד וואס ער האט אונז געלערנט אין מצרים אין די נאכט ווען ער האט אונז אויסדערוועלט. עס וועט קומען פון די גויים א קלאפ, א שטיין אדער וועלן זיי אויסשיסן די פענסטערס. עפעס וועלן זיי זיין געצוואונגען צו טון, ווייל אייגנטליך איז עס נישט זיי, דער באשעפער שיקט זיי זיך צו פירן אזוי צו די אידן, זיי צו דערווייטערן.

## אפלערנען דעם לימוד

**אויב** מיר פראבירן זיך צו אויסמישן מיט זיי, דאן וועלן אפילו די בעסטע פון זיי ווערן אונזערע מערדער. וואס אונזער רעאקציע דארף צו זיין אין אזא צייט, איז נישט צו זוכן שריט פון פאליטיק אדער חנופה

ווי אזוי אפצושלאגן די אנטיסעמיטיזם, נאר מיר דארפן זיך מתבונן זיין, ׳פארוואס האט דאס פאסירט? פארוואס זאל דער באשעפער פירן צו אזא זאך?׳

און מיר דארפן דערהערן דעם ענטפער, אז דער באשעפער וויל מיר זאלן זיך אפשאקלען פון זיי, מיר זאלן נישט ליב האבן דעם גוי. איינע פון די עיקר סיבות פארוואס עס ערוועקט זיך דער אנטיסעמיטיזם, איז כדי אונז צו ברענגען צו פארמאכן אביסל בעסער די טיר פון אונזער היים. אודאי טוען מיר פיזיש פארשפארן די שלעסער, אבער צוזאמען מיט די גוי׳ישקייטן דערין; פון זייער מוזיק, צייטונגען אדער נאך ערגער, די שעדליכע טעכנעלאגישע כלים, אריינברענגענדיג דעם גוי ממש אין שטוב, טראץ אלע שלעסער וואס מיר האבן אויף אונזערע טירן.

אלזא, קומען מיר צוריק צו דעם פסוק, וְאַתֶּם לֹא תֵצְאוּ אִישׁ מִפֶּתַח בֵּיתוֹ עַד בֹּקֶר - איר זאלט נישט ארויסגיין פון אייער טיר ביז דער פרימארגן קומט ווייל דער משחית דרייט זיך אינדרויסן און ער איז אֵינוֹ מַבְחִין בֵּין צַדִּיק לְרָשָׁע, ער באדראעט צו איינשלינגען יעדן איינעם.

דערפאר, לֵךְ עַמִּי בֹּא בַחֲדָרֶיךָ - מיין פאלק, אויב דו ווילסט בלייבן מיין פאלק אויף אייביג, דאן קומט אריין צו דיינע אינעווייניגסטע צימערן און ווען דו ביסט אינעווייניג, וּסְגֹר דְּלָתְךָ בַּעֲדֶךָ - פארשפאר דיינע טירן הינטער דיר, ווייל עס איז נישט גענוג אריינצוגיין; דו דארפסט ווייזן אז דו ווילסט פארבלייבן אינעווייניג. ״איך האב געענדיגט מיט דעם דרויסן!״ אודאי דארף מען אמאל ארויסגיין פון הויז און אפילו אויך האבן צו טון מיט די גויים, אבער די מחשבות, געפילן און אידיאלאגן זאלן אלעמאל זיין אפגעזונדערט און פארשפארט אין די הייליגע אידישע היים.

מיר דארפן פארבלייבן אין די הייליגע אידישע היים ביז דער אויסגעווארטער פרימארגן - די גאולה שלימה - וועט קומען. ווען עס וועט אנקומען די צייט און משיח וועט זיך באווייזן, וועלן מיר דארפן פארלאזן די גלות לענדער. אמעריקא איז געווען זייער פיין פאר אונז. זיי האבן אונז אריין גענומען ווען מ׳האט אונז געפייניגט אין רוסלאנד און אין אנדערע לענדער. און אט קומט שוין די צייט ווען מיר וועלן פליען קיין ארץ ישראל, אלע אידן אינאיינעם. וואס זאל דאן זיין אונזער ערשטע מחשבה? ׳קוק נישט צוריק!׳

אפשר וועט זיך גלוסטן צו כאפן נאך איין בליק אויף די שיינע הייזער און פארמעגנס? פארגעס דערפון. איר האט נישט קיין שום אינטערעסע צו צוריקקוקן, נאר קוקט פאראויס צום גרויסן עתיד.


ליינט די גליון יעדע וואך אין די קונטרס
״גליונות לשבת קודש״
מיט נאך צענדליגע הערליכע גליונות
על פרשת השבוע
וסיפורי מעשיות





## קאנצענטריר זיך אויף די אינערליכקייט

**און** ביז דעם גרויסן טאג, איז אונזער אויסלייזונג דורך לֵךְ עַמִּי - גיי מיין פאלק, בֹּא בַחֲדָרֶיךָ - און פארבלייב אינעווייניג אין דיינע צימערן, נישט נאר פסח ביינאכט. דאס איז א צייכן אויף אייביג. גיי

נישט באזוכן די גוי'ישע פלעצער. האב נישט קיין אינטערעסן אין זיי. וואס ווייניגער מיר וועלן ארויסוואייזן סיי וואספארא גלוסטעניש צו זען זייערע זאכן, צו וויסן דערפון, אלץ בעסער וועט אונז זיין, ווייל מיר האבן אזויפיל וואס צו זען אין אונזערע היימען.

עס זענען דא אזעלכע שיינע זאכן אין אונזערע אייגענע קרייזן. מיר דארפן פארברענגען אונזער לעבן קאנצענטרירנדיג זיך אויף די גרויסקייט פון דאס אידישע פאלק, ווייל עס איז נישטא קיין סוף און קיין עק וויפיל מען קען דורכטון אין דעם. עס איז דא אן ענדלאזע געהויבנקייט, הויכע געלערנטקייט, חָכְמָה עֲמֻקָּה שֶׁאֵין לָהּ קֵץ. אלעס וואס איז פארבינדן מיט דאס אידישע פאלק איז דורכגענומען מיט טיפע חכמה. נישט נאר די תורה הק' וואס האט נישט קיין סוף און קיין ענד, נאר די גאנצע אידישע היסטאריע איז באגלייט מיט גרויסע ריזן פון וועמען עס איז דא אזויפיל צו דערציילן; אפילו סיפורים פון פשוט'ע אידן זענען פול מיט העראאישע טאטן פון וואס צו רעדן.

## א תורה קאפ

מיר דארפן הנאה האבן פון אונזערע אייגענע היימען - מיר דארפן האבן אין אונזערע הערצער א שעצונג צו דעם הערליכן עבר פון כלל ישראל, צו אונזערע אור-עלטערן פון די פריערדיגע דורות. פארמאכן די טיר צו די דרויסנדיגע וועלט מיינט אז אונזערע הערצער ליגן אין אונזערע הייליגע ספרי קודש פון די תורה. א איד דארף האבן זיין הארץ אין דעם חומש, נביאים וכתובים; זיין קאפ זאל ליגן אין משניות און גמרא. א איד דארף טראכטן פון די נביאים, תנאים און אמוראים, ראשונים און אחרונים. דאס איז וואס דארף פארנעמען זיינע מחשבות.

און אזוי, ווי ווייט עס איז מעגליך, הִבָּדְלוּ - זיך אפטיילן פון די דרויסנדיגע וועלט. אזוי זאגט דער באשעפער, ווי מער איר טיילט זיך אפ פון זיי - וָאַבְדִּל אֶתְכֶם מִן הָעַמִּים, אלס מער לִהְיוֹת לִי - געהערט איר צו מיר. און 'געהערן צו מיר' מיינט אויף די וועלט און בעולם הבא. בְּכָל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר לִי - וואו עס שטייט דאסווארט 'לִי', אֵינוֹ זָז לֹא בָּעוֹלָם הַזֶּה וְלֹא בָּעוֹלָם הַבָּא - קען זיך דאס נישט אוועקרירן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט. אלעמאל און שטענדיג וועט אן ערליכער איד ירש'נען דעם עתיד וואס דער באשעפער האט אונז פאראויס געזאגט. אַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹקֵיכֶם - די וואס באהעפטן זיך צום באשעפער, וועט עס וועט קומען די גליקליכע צייט, וועט דער באשעפער זאגן, חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם - איר האט אלע דערלעבט צו זען דעם גרויסן טאג.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב**
פאר השי"ת אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**
**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט**
**הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**לויט וויפיל געלט**
**אזויפיל קאפיס**
**קענען מיר מאכן**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 845-213-7571**
**פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802**

# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:
וואס פארדינען מיר פון די קאלטע ווינטערס?

## תשובה:
**די פארדינסטן פון די קאלטע ווינטערס זענען געוואלדיג.**

קאלטע ווינטערס זענען גורם אז די ערד זאל זיך אפשטעלן פון שפראצן. אויב וואלט די ערד פארגעזעצט צו פראדוצירן און שפראצן לענגאויס דעם גאנצן יאר, וואלט עס אויסגענוצט אלע אירע אוצרות - אלע נארשאפטן און כוחות. דערפאר געפינען זיך מדבריות דוקא וואו עס איז גאר הייסע קלימאטן, ווייל אין מילדע קלימאטן האט די ערד אלעמאל א געלעגנהייט צו איבערפרישן אירע כוחות. דאגעגן אין די הייסע קלימאטן שיינט די זון נאכאנאנד מיט אזא היץ און די ערד האלט אין איין פראדוצירן ביז עס ווערט פארטריקנט און צום סוף פארלירט עס אירע כוחות.

דערפאר זענען די קאלטע ווינטערס ממש א ישועה, א לעבנס רעטער. דורך די קאלטע ווינטערס אין דער ווינטער וועט אין קומענדיגן סעזאן בעזהשי"ת זיין א גערעטעניש. אלזא, אינעם זומער ווען איר וועט נעמען אין האנט א זאפטיגע פרישקע אין האנט, געדענקט צו דאנקען דעם באשעפער אויף דעם קאלטן ווינטער וואס האט צוגעגרייט די ערד אייך צו ערצייגן די פרישקע. און ווען איר גייט אין גאס אין א קאלטן ווינטער טאג, געדענקט צו דאנקען דעם באשעפער אויף אלע געשמאקע פרוכט וואס די קאלטע ווינטער גרייט צו פאר אייך.

די ערד ניצט אויס אלע אירע כוחות צו פראדוצירן פאר אונז, ביז עס הייבט אן ווערן אביסל קאלט אין הערבסט, דאן פאלן די בלעטער אויף די ערד. נאך אביסל צייט ווערן די בלעטער איינגעזאפט אין די ערד און עס באמוסטיגט די ערד. דערנאך קומען די קאלטע ווינטערס און עס הערט אויף צו וואקסן. אלע שפראצונגען שטעלן זיך אפ. די ערד הערט אויף צו פראדוצירן. וואס טוט יא די ערד דאן? עס טוט רעסייקלען. די ערד טוט איבערארבעטן די ענערגיע וואס עס האט פארלוירן ביז עס ווערט ווידעראמאל פרוכטבאר. דערנאך קומט פרילינג און די ערדאיז עס גרייט ווייטער צו פראדוצירן.

קומט אויס אז די קאלטע ווינטערס זענען ממש א לעבנסרעטער פאר אונז. אן די קאלטע ווינטערס וואלט גאנצע אמעריקע געווארן איין גרויסער מדבר אזוי ווי אין די הייסע ערטער פון די וועלט ווי די סאהארא און אראבישע מדבריות וואו די זון שיינט א גאנץ יאר.

## נדבת השבוע

נדבת השבוע נתנדב ע"י הרבני הנכבד
מוה"ר ר' שמואל ברוך שטערן הי"ו
לרגל הולדות בתו למזל טוב
ויה"ר שזכות הרבים יעמוד לו שיזכה לראות רב נחת דקדושה
מכל יוצ"ח ולהתברך בכל מידי דמיטב עבה"ג בב"א